ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**חג הסוכות**

**(חלק יט — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע חג הסוכות, יג־יט תשרי, ה׳תשפ״ב (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חג הסוכות

א. די גמרא זאָגט אין סוכה[1]: „תניא ר׳ אליעזר אומר כשם שאין אדם יוצא ידי חובתו ביו״ט הראשון של חג בלולבו של חבירו דכתיב[2] ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפות תמרים משלכם כך אין אדם יוצא ידי חובתו בסוכתו של חבירו דכתיב[3] חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים משלך. וחכמים אומרים אע״פ שאמרו אין אדם יוצא י״ח ביו״ט הראשון בלולבו של חבירו אבל יוצא י״ח בסוכתו של חבירו דכתיב[4] כל האזרח בישראל ישבו בסוכות מלמד שכל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת. ורבנן האי לך מאי דרשי בי׳, מיבעי לי׳ למעוטי גזולה אבל שאולה כתיב כל האזרח״.

די הלכה איז ווי די חכמים, אַז כאָטש מ׳איז ניט יוצא — ביו״ט ראשון פון חגה״ס — מיט ד׳ מינים שאולים „משום דבעינן לכם״[5], איז אָבער ביי סוכה אַנדערש און מען איז יוצא מיט אַ סוכה שאולה[6].

ווי מען לערנט בפשטות איז משמע, אַז דער טעם פאַרוואָס די חכמים האַלטן אַז מ׳איז יוצא בסוכה שאולה, איז ווייל דער (לימוד פון) פסוק „כל האזרח בישראל וגו׳״ (מלמד שכל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת) איז מגלה אַז „תעשה לך״ מיינט ניט אַז עס דאַרף זיין „שלך״; דער „לך״ קומט נאָר „למעוטי גזולה״.

זאָגט אָבער דער אַלטער רבי אין שו״ע[7]: „אע״פ שאמרה תורה חג הסוכות תעשה לך לך משלך כלומר שתהא הסוכה שלך ולא של חבירך אעפ״כ יוצא אדם י״ח בסוכה שאולה דכיון שנכנס לה ברשות הרי היא כשלו (ולא נאמר לך משלך אלא להוציא את הגזולה)״. זעט מען מפורש, אַז אויך ביי סוכה לערנט מען אָפּ פון „לך״ אַז עס דאַרף זיין „שלך״ — און פונדעסטוועגן איז מען יוצא מיט אַ סוכה שאולה, וואָרום אַ שאולה „הרי היא כשלו״[8].

דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד אַז דער טעם וואָס מ׳איז יוצא מיט אַ סוכה שאולה איז (ניט ווייל דער פסוק „כל האזרח גו׳״ איז מרבה „שאולה״[9], נאָר) ווייל „שאולה . . הרי היא כשלו״[10] — פאַרוואָס זאָל שאולה ניט זיין כשר אויך

1) כז, ב.
2) אמור כג, מ.
3) ראה טז, יג.
4) אמור שם, מב.
5) רמב״ם הל׳ לולב פ״ח ה״י. טושו״ע (ואדה״ז) או״ח סתרמ״ט ס״ב (ס״א). סתרנ״ח ס״ג.
6) רמב״ם הל׳ סוכה פ״ה הכ״ה. טושו״ע שם סתרל״ז ס״ב (ולהעיר ממכתבי תורה (להרגצובי) מכתב ב. ואכ״מ).

7) או״ח סתרל״ז ס״ג.
8) בפשטות מקורו דאדה״ז הוא מלבוש שם ס״ב, שכנראה מפרש כן בפרש״י שם ד״ה כל האזרח. [ודלא כמו שמפרש המנ״ח (מצוה שכה סק״ט) בפרש״י. וראה שו״ת הריב״ש סשמ״ז. שע״ת או״ח סתפ״ב סק״א]. ועפ״ז י״ל שבזה מחולקים רש״י ותוס׳ (ד״ה כל האזרח שם), דלדעת התוס׳ למדין מ„כל האזרח״ שאין צריך לדין ד„לך משלך״, וממילא יוצאין י״ח בסוכת השותפים ובסוכה שאולה. וראה ריב״ש שם — ראה לקמן הערה 15.
9) ראה כפות תמרים לסוכה לא, א ד״ה ורבנן. ועוד.
10) ועפ״ז מובן מ״ש אדה״ז ההסברה „הרי היא כשלו״ ולא הביא כלל הלימוד מהכתוב „כל האזרח גו׳״ — כי אז הי׳ קס״ד שהכוונה בהלימוד שאין בסוכה הדין ד„לך״ — שלך.

ביי לולב מצד דעם זעלבן טעם, וואָס „שאולה . . הרי היא כשלו״?

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט ענטפערן, אַז אין דעם גדר פון „שלו״ גופא דאָ[11] – איז אַן אָרט אויף חילוקים (אויף וויפל ס׳איז „שלו״). ביי סוכה איז דער פסוק „כל האזרח גו׳״ מגלה אַז ס׳איז מספיק אויך אַ קלענערע דרגא אין „לך – משלך״ (אין וועלכער אויך שאולה ווערט נכלל, כאָטש עס איז ניט שלו ממש)[12]; משא״כ ביי לולב, וואו ס׳איז ניטאָ אַזאַ לימוד, איז דער פירוש פון „ולקחתם לכם – משלכם״ ממש, אַ פולשטענדיקער אופן „שלכם״, וואָס איז ממעט לולב השאול.

אָבער פון לשון פון אַלטן רבי׳ן אין אַ ווייטערדיקן סעיף[13] איז משמע, אַז שאולה ביי סוכה איז אין דעם גדר פון „שלו ממש״, וז״ל: ואע״פ שבדיעבד יוצא בסוכה גזולה העומדת בקרקע . . מ״מ לכתחילה אין לישב בסוכה העומדת בקרקע של חבירו מפני שאינה נקראת שלו ממש והתורה אמרה תעשה לך משלך ואינה דומה לשאלה ממש שהשאילה לו מדעתו והרי היא כשלו ממש. זעט מען דערפון אַז מיט אַ סוכה שאולה איז מען יוצא ניט דערפאַר וואָס ביי סוכה איז גענוג אויך ווען ס׳איז ניט „שלו״ ממש, נאָר[14], ווייל שאולה איז טאַקע אַזוי ווי שלו ממש[15] – איז הדרא קושיין לדוכתא: פאַרוואָס ווערט שאלה נתמעט פון „לכם״ ביי די ד׳ מינים?

קען מען זאָגן, אַז דער אויפטו פון לימוד „כל האזרח גו׳״ איז [ניט אַז ביי סוכה איז מספיק אויך ווען ס׳איז ניט אינגאַנצן „שלך״, נאָר – פאַרקערט], אַז ענין הסוכה האָט אין זיך אַזאַ גדר וואָס מצד דעם ווערט שאולה באַ סוכה „שלו

11) ועד״ז בכו״כ ענינים: קנין הגוף או לפירות (יבמות לו, ב. וש״נ. ולהעיר מחכמת שלמה (למהרש״ק) לשו״ע שם סי׳ תרלז ס״ג. ועוד), סוגי משכון בנוגע ללא יראה לך (שו״ע (ואדה״ז) או״ח סי׳ תמא (ובנ״כ). ט״ז סי׳ תמג סק״ד. ועוד), ועוד.

12) כן משמע קצת מל׳ אדה״ז שם „ולא נאמר לך משלך אלא להוציא את הגזולה״ (וכן לאח״ז בסוכה שיש לו שותפות בה עם חבירו כתב „ואין זה נקרא גזל כיון שעל דעת כן כו׳״). ועפ״ז י״ל שמאריכות לשון אדה״ז בתחלת הסעיף „כלומר שתהא הסוכה שלך ולא של חבירך״ משמע לכאורה שכל הדין ד„לך״ הוא לא (החיוב –) שצריך שיהי׳ „שלך״, אלא (רק השלילה –) „לא של חבירך״; משא״כ בלולב שצריך שיהי׳ „לכם משלכם״ ממש (ראה אבני מלואים סכ״ח סקל״ג ד״ה אמנם. מקו״ח סתמ״ח סק״ט. ועוד. ולהעיר משו״ת חת״ס או״ח סק״פ בסופו),

אבל מזה שכתב „הרי היא כשלו״ ולא כתב דיוצאין י״ח בסוכה שאולה כיון דכתיב כל האזרח (וכיו״ב) כנ״ל, ובפרט ממ״ש בסעיף יא, משמע כדלקמן בפנים.

13) שם סי״א.

14) ועפ״ז מובן מה שהוצרך לומר (סוכה לא, א) גבי סוכה גזולה „קרקע אינה נגזלת וסוכה שאולה היא״ – כי גם בסוכה צריך לדין שלו ואצ״ל דל׳ זה הוא „לאו דוקא״ (כבפנ״י שם). וכן מדגיש אדה״ז שם ס״ד „הרי הוא כשאול בידו״. וכן בסעיף הנ״ל „מפני שאינה נקראת שלו ממש״ משמע, דגם זה נק׳ „שלו״ אלא שאי״ז שלו ממש, וראה אלי׳ רבה סק״ד שמשיג על המג״א „אבל הכא בקרקע כיון דהוי כשאולה הוי כמו לכם״. ולהעיר מכפות תמרים סוכה לא, א.

15) עפ״ז אולי יש ליישב קושיית התוס׳ ד״ה ההוא (סוכה ט, א) למה צריך קרא דלך למעוטי גזולה „תיפוק לי׳ משום דהוה לי׳ מצוה הבאה בעבירה״ (וראה מנ״ח שם) – כי גם בסוכה צ״ל תעשה לך שיהי׳ שלך (וי״ל שזוהי כוונת רש״י שם ד״ה למעוטי), ואי״ז רק לימוד למעוטי גזולה שגזול הוא פסול בסוכה. וראה שאג״א סצ״ט. ועפ״י כהנ״ל י״ל דתוס׳ ורש״י לשיטתייהו אזלי בדף כז, ב (הנ״ל הערה 8). וכן משמע מתוד״ה מאי טעמא גיטין (נה, א) קרוב לסופו „ובסוכה לא בעינן משלכם״. אבל מל׳ פרש״י סוכה לא, א ד״ה ורבנן „יוצא אדם בסוכה שאינו שלו בשאולה״ אין לדייק כן, כי כוונתו רק להמציאות.

ממש״*15; וי״ל ההסבר בפשטות: וויבאַלד ער באָרגט עם די סוכה זי זאָל זיין פונקט ווי דירתו קבע כל השנה, וואָס דאָס איז דאָך כל גדר סוכת החג (משא״כ בלולב[16] — וכו׳ ששלך הוא רק תנאי) איז דער באָרגן באופן דשלו ממש, „אדעתא דהכי השאילו״[17].

ג. ויש להוסיף ולהמתיק בפנימיות הענינים: פון פסוק „כל האזרח גו׳״ לערנט מען אָפּ אַז „כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת״ מצד דעם עילוי פון סוכה ווערן אַלע אידן נתאחד אין איין מציאות ביז אַז „כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת״ — און מהאי טעמא איז ביי סוכה אויך שאולה „כשלו ממש״:

ס׳איז מבואר אין חסידות[18] אינעם פי־רוש הפסוק[19] „בכסה ליום חגנו״, אַז די ענינים וואָס בר״ה ויוהכ״פ זיינען זיי בהעלם — „בכסה״, קומען זיי אַרויס בגילוי „ליום חגנו״, אין חג הסוכות. עפ״ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם חילוק (בנוגע „לכם״) צווישן סוכה און לולב (צי מ׳איז יוצא מיט שאולה) בהקדם הביאור ווי די ענינים זיינען „בכסה״ בר״ה ויוהכ״פ.

שוין גערעדט אַמאָל בארוכה[20], אַז אין תוכן פון ר״ה ויוה״כ זיינען דאָ דריי ענינים זה למעלה מזה: א) די מצוות היום, בר״ה — מצות תקיעת שופר, וביוהכ״פ — מצות התענית און מצות התשובה והוידוי; ב) דאָס וואָס זיי זיינען פון די עשרת ימי תשובה, וואָס תשובה איז העכער פון מצוות (און דעריבער קען זי מתקן זיין דאָס וואָס מ׳פאַרפעלט אין דער עבודה פון קיום המצוות); ג) דער תוכן עצמי פון די טעג, וואָס איז העכער אויך פון תשובה: בר״ה — די בקשת השם און עבודה פון „תמליכוני עליכם״[21], בקשה און עבודה מכתיר זיין דעם אויבערשטן אַלס מלך, וביום הכפורים — דער ענין פון עיצומו של יום הכפורים מכפר, וואָס די דרגא פון כפרה איז העכער פון דער כפרה שע״י תשובה.

אין די דריי ענינים ווערן אַרויסגעזאָגט די פאַרשידענע אופני ההתקשרות וההתאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן:

*15) בספר מכתב סופר סי׳ לח מבאר דכיון דגלי לן רחמנא מכל האזרח דסוכה שאולה כשרה, א״כ ע״כ לך לאו אכל אדם מישראל פרטי קאי אלא אכללות ישראל קאי לאפוקי משל נכרי והפקר והיינו טעמא דיוצא בשאול כיון שיש לו בעלים ישראל לך קרינן בי׳ (ועיי״ש שמטעם זה אין יוצא בסוכה שאולה מעכו״ם וכן שותפות עכו״ם).

ולא זכיתי להבין סברתו — דמה ענין בעלות דכלל ישראל, דציבור — במצוה כסוכה, האם נחדש שצ״ל דיהודי (ע״ד ממושבותיכם תביאו) דוקא?!

ואם נאמר — שמפני שיש בה קדושה אינה חלה בשל עכו״ם — הרי בפרט בקדושת קרבן (שזוהי קדושת סוכה — למ״ד זה (ראה פרש״י סוכה ט, א ד״ה על החגיגה. פרש״י ביצה ל, ב ד״ה לה׳ וד״ה על החגיגה. שו״ע אדה״ז ר״ס תרלח. וראה אוה״ת סוכות (ע׳ א׳תשה) וש״נ)) — ישנה באו״ה. ומיעוטא דאו״ה בכיו״ב בקרא — הוא מ„ישראל״ וכיו״ב, ולא מלשון דבעלות וממונא („לך״ וכיו״ב). ואם מפני שאינו יכול להקדיש מה שאינו שלו — הרי משאילו, ומאי נפק״מ דישראל או דעכו״ם.

16) במכש״כ מטלית שאולה (ראה שו״ע אדה״ז חאו״ח סי״ד ס״ו, ח. ובקו״א שם. וש״נ).

17) משא״כ בטלית שאולה (ראה בהמצויין בהערה הקודמת. וראה בהמצויין במאסף לכל המחנות סקל״א המתרצים זה).

18) סדור רלה, ב. ובכ״מ. וראה גם לקו״ת נצבים מח, סע״ב. ר״ה נד, סע״ג ואילך.

19) תהלים פא, ד.

20) בהבא לקמן ראה לקו״ש ח״ד שיחה לר״ה (ע׳ 1144 ואילך) וליום הכפורים (ע׳ 1149 ואילך).

21) ר״ה טז, א. לד, ב.

איין אופן איז, אַז אידן זיינען אַזוי ווי, כביכול, אַ באַזונדער מציאות, נאָר זיי פאַרבינדן זיך מיט אלקות; וואָס אין דעם אופן דאַרף דער פאַרבונד און איחוד זיך אויפטאָן און אויסדריקן דורך און אין עפּעס — דורך קיום המצות, וואָס אידן נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים און זיינען מקיים די גזירות המלך.

אין דעם גופא איז דאָ אַ טיפערער אופן — די פּנימיות׳דיקע התקשרות פון אידן מיטן אויבערשטן, וואָס איז ניט אָפּהענגיק אין קיום המצות; און דאָס דריקט זיך אויס אין דער תנועה פון תשובה, אַז אפילו ווען אַ איד האָט פון זיך, ח״ו, אַראָפּגענומען דעם עול מלכות שמים און עובר געווען אויפן ציווי ה׳, האָט ער גרויס פאַרדרוס און חרטה אויף דעם און וויל דאָס פאַרריכטן, ער טוט תשובה.

אָבער אויך דער אופן ההתקשרות, כאָטש ס׳איז העכער און טיפער פון דעם פאַרבונד דורך קיום המצות, האָט עס פאָרט אַ שייכות צו קיום המצות: דער פאַרדרוס און חרטה אין ענין התשובה איז דאָך אויף דעם וואָס ער האָט ניט מקיים געווען די מצוות פון אויבערשטן און דעריבער איז ער מחליט מכאן ולהבא צו אויספאָלגן די גזירות המלך. און ווי־באַלד אַז אויך דער פאַרבונד דריקט זיך אויס אין (דער החלטה צו) פאָלגן דעם אויבערשטן, הייסט עס דאָך, אַז ער איז נאָך אַ מציאות בפ״ע וואָס פאָלגט און פאַרבינדט זיך מיטן אויבערשטן.

דער העכסטער אופן ההתקשרות איז — ישראל וקוב״ה כולא חד, אידן זיינען בעצם איינס כביכול מיט קוב״ה. און דער פאַרבונד זאָגט זיך אַרויס אין דער בקשה פון הקב״ה און דער עבודה פון „תמליכו־ני עליכם״ — דאָס וואָס אידן זיינען מעורר און פועל אַז דער אויבערשטער זאָל ווערן אַ מלך איבער זיי:

די התקשרות פון אידן מיטן אוי־בערשטן דורך תומ״צ, אָדער אַפילו דורך תשובה, איז דוקא נאָכדעם[22] ווי מ׳נעמט אָן דעם אויבערשטן אַלס מלך, וואָס דעמאָלט איז שייך דער ענין פון פאָלגן דעם מלך, תשובה טאָן אויפן ניט־פאָלגן וכו׳, וואָס דאָס פאַרבינדט זיי מיטן מלך.

איידער אָבער דער אויבערשטער ווערט כביכול אַ מלך (פאַרן אויפטאָן דעם „תמליכוני עליכם״) — וואָס מאַכט אַז עס פעלט זיי אויס דעם ענין המלוכה וואָס צוליב דעם בעטן אידן אַז דער אויבערשטער זאָל ווערן אַ מלך איבער זיי? איז עס דערפאַר וואָס זיי זיינען בעצם איין זאַך מיט אלקות, ובמילא קענען זיי ניט זיין[23] ח״ו אָן אַ מלך.

ד. עפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס בנוגע מצות זיינען דאָ חילוקים צווישן איין אידן און אַ צווייטן אין דעם אופן פון זייער קיום, און עד״ז (נאָר מיט קלענערע חילוקים) איז בנוגע תשובה; משא״כ אין דעם ענין פון „תמליכוני עליכם״ זיינען ניטאָ קיין חילוקים צווישן אידן (ווי מען זעט עס ביי דער הכתרה פון אַ מלך בו״ד, אַז בעת ההכתרה — וואָס קומט דורך דעם ביטול העם — שטייען אַ שר גדול און אַן איש פשוט מיטן זעלבן ביטול וכו׳; ניט ווי לאחרי ההכתרה און נאָכדעם ווי דער מלך איז גוזר גזירות, וואָס דאַן זיינען דאָ חילו־קים צווישן אנשי המדינה אינעם אופן הקיום פון די גזירות):

22) כמחז״ל כשיקבלו מלכותי אגזור עליהם (גזירות) (מכילתא יתרו כ, ג).

23) מטעם זה מבקש הקב״ה „אמרו לפני . . מלכיות כו׳ שתמליכוני עליכם״, כי הם כולא חד.

קיום המצות, וויבאַלד זייער איכות ההתקשרות איז באופן אַז אידן, ווי זיי פילן זיך אַלס באַזונדער זאַך, פאַרבינדן זיך מיטן אויבערשטן, דערפאַר איז דער קיום המצות און קב״ע ביי יעדן איינעם לויט זיין באַזונדער אופן ומדריגה אַלס אַ מציאות בפ״ע.

אין עבודת התשובה, וואָס קומט מצד אַ טיפערן פאַרבונד וועלכער ווערט ניט אויפגעטאָן דורך קיום המצוות בפועל, איז אין דעם ניטאָ אַזאַ אונטערשייד צווישן איין אידן און אַ צווייטן (ווי מען זעט אַז דאָס קען אויפגעטאָן ווערן בלויז דורך אַ הרהור תשובה[24], ובשעתא חדא וברגעא חדא[25]). אעפ״כ זיינען אויך אין דעם פאַראַן חילוקים, וואָרום סו״ס איז עס דאָך תשובה אויף (ולפי ערך די) עונות, אָדער תשובה לשרשו ומקור שלו — וואָס אין דעם אַלעם איז איינער ניט גלייך צום אַנדערן.

אין „תמליכוני עליכם״ — וויבאַלד אַז דאָס נעמט זיך דערפון וואָס אידן זיינען בעצם כולא חד מיט קוב״ה, איז כשם ווי ס׳איז ניט שייך צו פאַנאַנדערטיילן צווישן אידן מיטן אויבערשטן, אַזוי קען מען ניט מחלק זיין צווישן איין אידן מיטן צווייטן אינעם אופן הקישור והאי־חוד; אין דעם זיינען אַלע אידן ווי איין עצם[26], וואו עס איז ניטאָ קיין התחלקות.

ה. אע״פ אַז בפרטיות געפינט מען אַלע דריי ענינים סיי ביי ר״ה און סיי ביי יוהכ״פ כנ״ל — בכללות אָבער, ובגלוי, איז יעדערער פון זיי פאַרבונדן מיט איינעם פון די דריי יו״ט פון חודש תשרי: ראש השנה, יום הכפורים און חג הסוכות:

ראש השנה שטייט בגלוי דאָס וואָס ער איז דער „ראש״ פון יאָר — ס׳איז דער זמן פון הכתרת המלך; און ווי דער רס״ג שרייבט[27], אַז דער „ענין הראשון״ אין „(מצות היום ב)שופר״ איז דאָס וואָס „ממליכין עלינו את הבורא״[28].

ביום הכפורים שטייט בגלוי דאָס וואָס ס׳איז דער יום התשובה, דער יום „קץ (ו)מחילה וסליחה״[29] אויף עובר זיין מצות המלך. נאָכמער: אפילו דער ענין פון „עיצומו של יום״[30], וואָס דריקט אויס די התקשרות עצמית צווישן אידן מיטן אויבערשטן וועלכע איז העכער פון דער התקשרות דורך תשובה — איז אַלץ אין דעם ענין פון „מכפר״[30], וכשמו: יום הכפורים.

חג הסוכות איז דער זמן ווען אידן זיינען בגלוי אַריינגעטאָן אין קיום המצוות: סוכה, נטילת ד׳ מינים כו׳[31] — מען איז „עסוקין במצות״ (פון באַלד נאָך יום הכפורים)[32], וכשמו: חג הסוכות.

ו. וויבאַלד אַז אַלע ענינים וואָס זיינען (בראש השנה און יו״כ) „בכסה״ קומען אַראָפּ בגילוי ליום חגנו בחג הסוכות, איז מובן, אַז כאָטש חגה״ס איז ענינו התעסקות אין מצות, ווערן אָבער

24) ראה קדושין מט, ב.

25) זח״א קכט, סע״א.

26) ראה ירושלמי נדרים פ״ט ה״ד: הוה מקטע קופד ומחת סכינא לידוי תחזור ותמחי לידי׳. וראה תניא פל״ב. סהמ״צ להצ״צ מצות אהבת ישראל. קונטרס אהבת ישראל.

27) הובא באבודרהם „טעמי התקיעות״.

28) ראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1354 ואילך. בשיחה לר״ה שם. ועוד.

29) בנוסח תפלת נעילה. רמב״ם הל׳ תשובה פ״ב, ה״ז.

30) רמב״ם הל׳ תשובה פ״א ה״ג־ד.

31) וראה ויק״ר פ״ל, ב: שבע מצות שבחג ואלו הן כו׳.

32) ראה ויק״ר שם, ז.

אין זיי אויסגעדריקט באופן גלוי די אַלע דריי ענינים הנ״ל — אויך שבר״ה ויוהכ״פ:

כשם ווי בר״ה (ויוהכ״פ) איז דאָ ענינו העצמי פון טאָג און דער ענין התשובה, ווי מרומז אין לשון חז״ל[33] „עשרה ימים שבין ר״ה ויוהכ״פ", ד. ה. ר״ה ויוהכ״פ זיינען אַ טייל פון עשי״ת, וביחד עם זה זיינען זיי (מצ״ע) העכער פאַר דעם ענין התשובה וואָס אין די עשרה ימים און דערנאָך איז דאָ דער דריטער ענין — מצוות היום;

עד״ז געפינט מען אין פסוק בנוגע סוכות: דער פסוק[34] איז מתאר דעם חג — „בחמשה עשר יום לחודש השביעי הזה חג הסוכות שבעת ימים לה׳", „חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים"[3], און אַזוי אויך ביי דער מצוה פון ישיבה בסוכה שטייט[4] — „בסוכות תשבו שבעת ימים" (ניט אָנדייטנדיק אַז דאָס זיינען ימים מיוחדים מצ״ע —) און פון דעם פאַרשטייט מען, אַז דער ענין העצמי פון סוכות איז מצות סוכה.

בנוגע צו לקיחת ד׳ מינים איז דער דין[2] „ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר גו׳" — אַז אין דעם יום הראשון פון יו״ט סוכות זאָל מען מקיים זיין די מצוה פון נטילת ד׳ מינים — וואָס פון דעם איז מוכח אַז מצות ד׳ מינים איז ניט עצם ענינו פון יום הראשון של סוכות[35], דעם יו״ט.

דערנאָך — נאָך דער מצוה פון נטילת ד׳ מינים[36] — איז דער פסוק ממשיך „ושמחתם לפני ה״א שבעת ימים" — די מצות שמחה פון חגה״ס[37]

וע״פ הנ״ל (סעיף ה׳) איז פאַרשטאַנדיק, אַז די עצמות׳דיקע אחדות פון אידן מיטן אויבערשטן אין דעם אופן פון „כולא חד" (וואָס דריקט זיך אויס אין „תמליכוני עליכם" פון ר״ה) קומט לידי גילוי אין דעם ענין עצמי פון סוכה; דער פאַרבונד דורך תשובה (וואָס דאָס איז עיקר ענינו של יום הכפורים) ווערט אַרויסגעזאָגט באופן גלוי אין מצות לולב; און דער פאַרבונד צווישן אידן מיטן אויבערשטן דורך קיום המצות ווערט נתגלה אין דער מצות השמחה פון סוכות.

---

33) ר״ה יח, א.

34) אמור כג, לד.

35) וכ״ה גם פרטי זמן המצוה: מצות ישיבת סוכה היא כל שבעת הימים, ואופנה „תשבו כעין תדורו" אוכל ושותה וישן ויטייל ודר בסוכה כל ז׳ הימים בין ביום בין בלילה (סוכה כח, ב. טושו״ע סי׳ תרלט ס״א וס״ב ואדה״ז ס״ד). משא״כ חיוב לולב הוא רק ביום הראשון. וגם במקדש שנוטלין כל שבעה (ראה ר״ה ל, א. סוכה מא, א), אי״ז קבוע בכל שנה כמצות סוכה שהרי כשיום השבת חל להיות תוך ימי החג נוטלין רק ששה (שם מב, ב רמב״ם הלכות לולב פ״ז הי״ג ואילך). ואופן קיומה — שנוטלין אותה רק פעם אחת ביום*.

וכן בהתחלת החיוב: מצות סוכה מתחילה (קיומה בפועל) תיכף בלילה ראשון, ולולב זמנו של הקיום בבקר משתנץ החמה (ולהעיר שלפרש״י סוכה לג, סע״א ד״ה לולב. שם ע״ב ד״ה ה״ג — זמן המצוה הוא תיכף משקידש החג).

וראה בהנ״ל (ובהמבואר בפנים) לקו״ש חכ״ב ע׳ 123, 127 ואילך.

36) ראה ירושלמי סוכה פ״ג הי״א. וברמב״ם שם הל׳ יג הביא הכתוב „ושמחתם גו׳" לענין נטילת לולב כל שבעה במקדש. וראה פרש״י סוכה מג, ב ד״ה ולולב. ויק״ר פ״ל, ב וביפ״ת ופי׳ מהרז״ו שם. וראה לקמן הערה 43.

37) ובפ׳ ראה טז, יד: **ושמחת** בחגך.

---

*) וגם „אנשי ירושלים" שלולבם בידם כו׳ (סוכה מא, ב) ובפרש״י שם „נטילתה ולקיחתה מצוה היא" [ועד״ז בטושו״ע (ואדה״ז) או״ח ר״ס צו ור״ס תרנב. וראה רמב״ם הל׳ תפלה פ״ה ה״ה] — הרי״ז רק „מצוה מן המובחר", „ומשנטל עברה כבר עיקר מצוה" (תוד״ה עובר בסופה — סוכה לט, א). ולהעיר מצפע״נ הפלאה בהשמטות (נד, ג). השלמה (ג, ד). מכתבי תורה מכתב קנד. ועוד.

ז. די הסברה בזה:

ווי געזאָגט פריער, אַז אין דעם ענין פון „תמליכוני עליכם" איז ניטאָ קיין חילוקים צווישן איין אידן מיט אַ צווייטן — און דער ענין קומט בסוכות לידי גילוי אין דער מצוה פון סוכה, היות אַז „כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת" — אַלע אידן, אָן קיינע חילוקים, זיינען מתאים צו לישב — תדורו צוזאַמען אין איין און דער זעלבער סוכה.

בנוגע לולב שטייט אין מדרש[38] אויפן פסוק „ולקחתם לכם ביום הראשון" — „במי הכתוב מדבר בישראל ובעכו"ם שהקב"ה דן אותם ביום הכפורים כו' ואין אנו יודעין מי הי' מנצח כו' אמר הקב"ה טלו לולביכם בידכם שידעו הכל שאתם זכיתם בדין" — ד. ה. אַז די כפרה פון יום הכפורים ווערט ניכר ונתגלה בסוכות אין דער מצוה פון נטילת ד' מינים.

און די מצוה פון שמחת החג וואָס איז אַן ענין פון שמחה של מצוה, דאָס איז דער גילוי פון דער התקשרות פון אידן צום אויבערשטן דורך קיום המצות, וואָס רופט אַרויס די תנועה פון שמחה ביי אידן — זיי פרייען זיך מיט מצוות ה'.

ח. ע"פ האמור לעיל וועט זיין פאַרשטאַנדיק דער חילוק אין דעם דין הנ"ל צווישן סוכה און לולב:

וויבאַלד אַז סוכה איז דער „גילוי" פון „תמליכוני עליכם", וואָס אידן זיינען איין זאַך מיטן אויבערשטן, איז מובן, כנ"ל, אַז אין דעם איז ניט שייך קיין חילוקים צווישן איין אידן מיט אַ צווייטן; ד. ה. דאָס וואָס „כל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת" מיינט, אַז מצד דעם עילוי פון סוכה שטייען אידן אין אַ התאחדות עצמית, וואָס איז ניט ווי צוויי וואָס פאַראייניקן זיך, נאָר ווי אַלע אידן זיינען מלכתחילה „כולא חד", איין עצם —

דערפאַר איז דער דין אין דעם, אַז אַ סוכה שאולה „הרי היא כשלו", און נאָכמער ס'איז „כשלו ממש" — וואָרום וויבאַלד אַז אַ סוכה איז מאחד אַלע אידן אין איין מציאות, קען מען ניט אָפּטיילן איין אידן פונעם צווייטן און זאָגן אַז די סוכה איז ניט „שלו" נאָר דעם צווייטנס — נאָר ס'איז זיינע ווי יענעמס.

[משא"כ בשעת איינער גזל'ט אַ סוכה ביים צווייטן, איז ער דערמיט גופא מנגד און סותר די אחדות פון סוכה — מיט דעם וואָס ער נעמט עס צו ביים צווייטן, שאַפט ער אַ פירוד אין דער אחדות פון סוכה צווישן אים און דעם נגזל[39] — קען עס שוין ניט הייסן „שלו"].

ט. דאָס איז אָבער נאָר ביי סוכה. משא"כ די ד' מינים, כאָטש אַז אויך זיי דריקן אויס די התאחדות פון אידן — מ'איז מאגד אַלע פיר סוגים פון אידן צוזאַמען (כידוע[40]) — איז דאָך אָבער די התאחדות אין אַן אופן אַז זיי אַלע בלייבן באַזונדערע סוגים אויך נאָכדעם ווי מ'איז זיי אַלע מאגד אינאיינעם:

38) תנחומא אמור יח. וראה ויק"ר שם, ב.

39) עפ"ז יש לבאר מה שגזול הוא פסול גם בדפנות אף ששאר הפסולים הוא רק בסכך (ראה כפות תמרים לא, א ד"ה מחלוקת. פמ"ג (משב"ז) שם סק"ד. מנ"ח שם. וראה פתחי תשובה (ווילנא תרנ"ה) סי' תרל. לקח טוב כלל יב בסופו) — כי גזול הוא היפך (דתדורו — דירת קבע, וגם היפך ד)כללות תוכן הסוכה.

40) ויק"ר פ"ל, יב. וראה לקו"ש ח"ד שיחה לחגה"ס.

וויבאַלד די מצוה פון ד׳ מינים איז מגלה די כפרה פון יום הכפורים — איז כשם ווי אינעם ענין הכפרה זיינען דאָ חילוקים צווישן איין אידן מיטן צווייטן (ווייל כאָטש די נקודה עיקרית פון כפרה ותשובה איז העכער פון התחלקות ווערט אָבער די כפרה בפועל אויפגעטאָן ביי יעדערן כפי ענינו), עד״ז איז די אחדות פון די ד׳ מינים אין אַן אופן אַז יעדערער בלייבט אין זיין סוג.

און דעריבער קען מען ביי די ד׳ מינים ניט זאָגן אַז די מינים שאולים זיינען „כשלו״ — ווייל אין דעם בלייבט ער אַ באַזונדער מציאות פון דעם צווייטן,

עפ״ז איז מובן וואָס ביי סוכה שטייט „לך״ (בלשון יחיד), משא״כ בד׳ מינים לערנט מען אָפּ דעם דין „שלכם״ פון „ולקחתם לכם״ (ל׳ רבים): באַ סוכה זיינען אַלע אידן ווי איין מציאות, „כגוף אחד״[41] — און צו איין גוף רעדט מען בל׳ יחיד; משא״כ בנוגע לד׳ מינים, וואָס יעדער איינער פאַרבלייבט אַ באַזונדער מציאות (מ׳איז זיי נאָר מאגד צוזאַמען), זיינען זיי אַ רבים — „לכם״.

אעפ״כ איז אין דעם (ד׳ מינים) פּאָרט דאָ דער ענין האחדות — מ׳איז מאגד און מחבר אַלע ד׳ מינים צוזאַמען[42]. דערנאָך קומט דער דריטער ענין פון חג הסוכות, מצות שמחה, וואָס דריקט אויס די התקשרות צום אויבערשטן דורך מצות; און דערפאַר זיינען דאָ אין דעם חילוקים ממש צווישן די סוגים פון אידן — „חסידים[43] ואנשי מעשה היו מרקדים״ און „כל העם האנשים והנשים כולן באין לראות ולשמוע״[44].

(משיחת יום ב׳ דחגה״ס תשכ״ד)

41) טעמי המצות להאריז״ל פ׳ קדושים, הובא ונתבאר במצות אהבת ישראל שם.

42) נוסף על שבכאו״א מהם נרמז ענין האחדות (סידור רסד, ד ואילך. המשך וככה תרל״ז פפ״ז).

43) משנה סוכה נא, א. רמב״ם הלכות לולב פ״ח הי״ד. וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 270 ואילך וש״נ שלדעת הרמב״ם ה„שמחה יתירה״ שבמקדש (שם הי״ב) היא הוספה בשמחת החג עצמו.

44) וכיון שעיקר תוכן מצות החג היא מצות סוכה (כנ״ל בפנים ובהערה 35) — י״ל שגם בסוכה ישנם כל ג׳ ענינים הנ״ל*: א) המצוה דישיבה בסוכה; ב) זה שסכך הסוכה נעשה מענן הקטורת דיוה״כ (עטרת ראש שער יוה״כ לו, סע״א ואילך. אוה״ת סוכות ע׳ א׳תשכב ואילך. וככה שם פפ״ד. ועוד); ג) הענין דכל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת, גילוי בחי׳ תמליכוני כנ״ל. ולהעיר דסכך בגימט׳ מאה כנגד מאה קולות שתוקעין בר״ה (פע״ח שער חג הסוכות בסופו. מ״ח מסכת ימי מצוה וסוכה פ״ג, א. וככה שם ס״פ צג. וראה תורת לוי״צ ע׳ שג).

*) ע״ד המבואר בלקו״ש ח״ד ע׳ 1146 ואילך, שכל ג׳ ענינים דר״ה הם במצות היום דתק״ש, אלא שענין התשובה באה **ברמז** בתק״ש וענין התמליכוני הוא למעלה לגמרי ממצות שופר.